טעגליכע בלעטל מאנסי אומגעגנט - סקווירא

# לוח הציבור

מאנסי

T: 845.425.4300 E: ads@monseyluach.com
Subscribe: subscribe@monseyluach.com

זונטאג פרשת ששח"פ - י"א ניסן תשפ"ו
Sunday, March 29, 2026

## זמנים

| | היינט | מארגן |
|---|---|---|
| עלות השחר: | 5:32 | 5:31 |
| נץ החמה: | 6:44 | 6:43 |
| סו"ז קר"ש מג"א: | 9:16 | 9:15 |
| סו"ז קר"ש גר"א: | 9:52 | 9:51 |
| סו"ז תפלה מג"א: | 10:31 | 10:30 |
| סו"ז תפלה גר"א: | 10:55 | 10:54 |
| חצות: | 1:01 | 1:01 |
| מנחה גדולה: | 1:39 | 1:39 |
| מנחה קטנה: | 5:23 | 5:24 |
| שקיעה: | 7:18 | 7:19 |
| צאה"כ ר"ת: | 8:31 | 8:32 |

## שיעורים

| שיעור | |
|---|---|
| תהלים | ס-סה/נא-נה |
| משנה | תמיד ב, א - ב |
| דף היומי | מנחות עז |
| מ"ב עמוד יומי | ח"ו יג: |
| עמוד יומי | שקלים ז: |
| מ"ב - דרשו | ש"ע ג' |
| דף הירושלמי | קידושין יד |
| מצוה יומית | תפו. לא להותיר בשר חגיגה |
| הלכה יומית | או"ח קסח, יז-קסט, ב |
| תניא | והיינו - לקמן |

## וועטער

**היינט** 54°-39° טיילווייז פארוואלקענט

**מארגן** 67°-50° מערסטענס פארוואלקענט

הערליכע זילבער שטיקער צום סדר טיש

פאר פרייזן וואס יעדער קען זיך ערלויבן!

STARTING AT $1,995 דריי-שטאק קערה
STARTING AT $515 קערה טאץ
STARTING AT $1,135 ורחץ סעט
STARTING AT $299 נטילת ידים טעפל
STARTING AT $280 חתן בעכער
STARTING AT $89 בחורים בעכער
STARTING AT $54 שיעור כוס
STARTING AT $820 וויין פלאש
STARTING AT $295 כרפס שיסל
STARTING AT $255 כוס של אליהו

STARTING AT $1,589 מצה באקס
STARTING AT $1,150 לייכטער
STARTING AT $86 חצות זייגער
STARTING AT $920 זופ טעלער
STARTING AT $120 נעפקין האלטער
STARTING AT $75 זאלץ מעסטל
STARTING AT $160 בלומען וואזע
STARTING AT $185 טרונק גלעזל
STARTING AT $205 נשמה ליכט האלטער
STARTING AT $140 מים אחרונים

LATE HOURS TONIGHT TILL 9:30 PM

423 RT. 59

845.709.8153 IMPRESSIVESILVER.COM
SALES@IMPRESSIVESILVER.COM

IMPRESSIVE SILVER

בלויז $299 א הוט
פאר מער זעה זייט 3

דער נחום וועט גיין איינס צוויי
למעשה ווארט מען נאך...

נעמט אראפ
עין הרע
און הערט
גוטע בשורות
בשעטו"מ

מפעל עין ישועה
טוב עין הוא יבורך
845.262.0767
subscribe@einyyeshuah.org



# שמחות

טעגליכע **שמחה** דערמאַנונגען

צו מעלדן אייער שמחה ביטע רופט:
**845.425.4300**

**מזל טוב! א שמחה אין מאנסי?**

דערמאַנט אייערע באַקאַנטע דורך עס מעלדן דאָ אינעם טעגליכן "לוח הציבור".

## שידוכים

| החתן | | הכלה |
|---|---|---|
| החתן שלמה זלקא נ"י<br>בן מוה"ר **משה האפשטיין** הי"ו<br>מאנסי | **עב"ג**<br>שדכן: **אשת ר' עוזר ארי' סענדראוויטש - מאנסי** | הכלה שתחי'<br>בת מוה"ר **אליעזר טאבאק** הי"ו<br>מאנסי |
| החתן נחמן נ"י<br>בן הרה"צ **חיים יקותיאל האלפערט** שליט"א- ק"י<br>בן הרב שלום שליט"א<br>חתן כ"ק אדמו"ר מספינקא ק"י זצ"ל | **עב"ג**<br>שדכן: **הרב שמואל טערקעלטויב - מאנסי** | הכלה שתחי'<br>בת הרב **נחמן לעבאוויטש** שליט"א - קרית יואל<br>בן הרב זלמן לייב שליט"א<br>חתן הרב יוחנן שמחה פליישמאן שליט"א |
| החתן אברהם נ"י<br>בן מוה"ר **הערשל בידערמאן** הי"ו - בארא פארק<br>בן מוה"ר משה הי"ו<br>חתן מוה"ר מאיר משה אסאווסקי הי"ו | **עב"ג**<br>שדכן: **אשת ר' אברהם ליכטער הרב שמואל טערקעלטויב מאנסי** | הכלה שתחי'<br>בת מוה"ר **יצחק אלטמאן** הי"ו - מאנסי<br>בן מוה"ר יוסף אביגדור הי"ו<br>חתן מוה"ר מתתי' קאהן הי"ו |

## תנאים

| החתן | | הכלה |
|---|---|---|
| החתן שלמה זלקא נ"י<br>בן מוה"ר **משה האפשטיין** הי"ו | **באולם בת מקרא**<br>381 Viola Rd. | הכלה שתחי'<br>בת מוה"ר **אליעזר טאבאק** הי"ו |

## וואכנאכט

מוה"ר **יצחק מרדכי גרינוואלד** הי"ו בן מוה"ר משה אביגדור הי"ו חתן מוה"ר יעקב יוסף גרינבוים הי"ו | **בבית מו"ח** 6 Charles Ln.

הברית מילה למחרתו **בביהמ"ד הגדול שיכון סקווירא**


מאנסי'ס אידישע טעקסי.
845.848.5555
ארנטליכע אידישע דרייווערס • HEIMISHE LADY DRIVERS • LOCAL & LONG DISTANCE • BOOK STEADY TRIPS • RESERVE CAR IN ADVANCE
BERRY'S Car Service בעריס


### Emergency Numbers

| | |
|---|---|
| Emergency | 911 |
| Fire | 845.425.9300 |
| Hatzalah - הצלה | 845.425.1600 |
| מצילי אש | 845.426.9111 |
| Dror - דרור | 855.376.7911 |
| ביה"ח/ גחש"א הר שלום | 845.400.2227 |
| ערשטע הילף דשיכון סקווירא | 845.354.0222 |
| Chaveirim - חברים | 845.371.6333 |


**לוח הציבור בארא פארק:**
**718.303.4300**
**mail@LuachHatzibur.com**
**לוח הציבור לעיקוואוד:**
**732.696.4300**
**ads@lakewooddaily.com**

# פארלענגערט ביז בדיקת חמץ ביינאכט

מאנסי איז באטראפן
געווארן מיט א בליץ

# הוט סעיל אטאקע



פרישע שיפמענטס
פון הערליכע נייע הוטן
שווארצע און הערליכע האר

הויעכע הוטן

פלאכע הוטן



בלויז



$299
א הוט



קלינינג
לכבוד יו"ט
אויפן פלאץ

ערב פסח שעות:

מוצ"ש פ' צו 12:30AM - 10:30PM

זונטאג ששחב"פ 10:00PM - 12:00PM

מאנטאג ששחב"פ 10:00PM - 12:00PM

דינסטאג בדיקת חמץ 7:00PM - 12:00PM

בדיקת חמץ ביינאכט 12:30AM - 8:30PM

פרייטאג אסרו חג פארמאכט

SANDERS

126 MAPLE AVENUE | 845.682.1117

# יארצייטן
## פון צדיקים און גאונים

### י״א ניסן

ש״צ | הג״ר **ישעי׳** בהג״ר **אברהם הלוי הורוויץ** זצ״ל
אב״ד פויזנא

תצ״ח | הג״ר **מאיר** בהג״ר **אליקים גץ** זצ״ל
אב״ד לאסק

תק״ב | הג״ר **מתתי׳** בהג״ר **שמואל זאנוויל הכהן** זצ״ל
מזלאטווי

תקמ״ז | הג״ר **גרשון** בהג״ר **ישראל** זצ״ל
מבראדי

תקס״ד | הג״ר **יהודה** בהג״ר **יעקב טולידנו** זצ״ל
אב״ד מעקנעס - שדה צופים

תקע״ו | הג״ר **שמחה בונם** ב״ר **צבי הכהן ראפאפורט** זצ״ל
אב״ד וואלערשטיין

תקצ״ט | הג״ר **שלמה זלמן** ב״ר **יצחק אייזיק ליפשיץ** זצ״ל
אב״ד ווארשא

תרכ״ח | הג״ר **שלמה** ב״ר **יצחק** זצ״ל
מפרעמישלאן

תרמ״א | הג״ר **אברהם מאיר** בהג״ר **משה גרייבער** זצ״ל
דומ״ץ קראקא

תרמ״ב | הג״ר **יצחק חיים** ב״ר **ארי׳ יהודה לייבוש וואלערשטיין** זצ״ל
אב״ד ריישא

תרס״ח | הג״ר **יעקב משה** בהג״ר **ישעי׳ שווארץ** זצ״ל
אב״ד קראלי

תש״ד | הג״ר **יהודה הערשקאוויטש** זצ״ל
מבודאפעסט

תשס״ט | הג״ר **אלחנן יוסף** בהג״ר **שמואל הערצמאן** זצ״ל
רב מיר ווימס״ב

תש״פ | הג״ר **דוד שלמה זלמן** בהג״ר **ישראל משה אלעוועסקי** זצ״ל
ר״י גור בארה״ב

תש״פ | הג״ר **מאיר** בהג״ר **משה רוקח** זצ״ל
אדמו״ר מקאזלאוו

תש״פ | הג״ר **יוסף** בהג״ר **יצחק קאליש** זצ״ל
מאמשינאוו ב״פ

זכותם תגן עלינו ועל כל ישראל

## יזכרם

### זכרון שמות הנעדרים שלא הניחו אחריהם זש״ק

נא להדליק נר וללמוד משניות וכדו׳ לעילוי נשמתם

**י״א ניסן**

צו ארייננשרייבען נעמען אימעיל List@yizkereim.info

רבי אלחנן יוסף ב״ר שמואל (הערצמאן) – תשס״ט [בני ברק, פאנאוויזש] • ר׳ ארי׳ לייב ב״ר יחיאל מיכל (ראבינאוויטש) – תשע״ז • רבי אשר ישעי׳ ב״ר אלימלך (פרענקל) – תשכ״ו [LI חל׳ הסתדרות] • הב׳ ברוך ב״ר חנוך (צוקער) – תש״ד הי״ד • הב׳ גדלי׳ ב״ר מאיר – תרע״ו [ליבערטי נ.י.] • דניאל אלכסנדר ב״ר עקיבא יששכר – תשע״ט [ביה״ח ד׳מאנסי] • הילד הע־רשל ב״ר שמואל – תרס״ה [וואשינגטאן נ.י.] • ר׳ חיים שניאור זלמן ב״ר יצחק (קאפלאן) – תשס״ט [סט סאפי, קאנאדא] • הילד יוסף ב״ר זאב (לאנדעסמאן) – תרנ״ד [מיהאלאוויץ, סאלאוואקיי] • יוסף דוב ב״ר אברהם יצחק (פראנק) – תשס״ט [ביה״ח דמאנסי] • יעקב ב״ר נתן (בורכרייט) – תש״פ • הב׳ יעקב אליעזר ב״ר מרדכי (ניימאן) – תשל״ב [NJ חל׳ וויען] • ר׳ יעקב חיים ב״ר דוד הכהן (קליין) – תשס״ד [שיכון סקווירא] • ר׳ לעמל דוד ב״ר משה אלי׳ (גאלדשטיין) – תרע״ג [וואשינג־טאן נ.י.] • הב׳ משה ב״ר שמעון – תרס״ג [בודאפעסט] • הילד נחמן ב״ר יחזקאל שרגא – תשס״א [ענפיעלד, לאנדאן] • צבי הערש ב״ר שלמה • שלום לייב ב״ר יחיאל מיכל • רבי שלמה ב״ר יצחק מפרעמישלאן – תרכ״ח • ר׳ שלמה יואל ב״ר מאיר זאב (בעק) – תשט״ז [SI חל׳ מונקאטש] • הב׳ שמחה ב״ר צבי ארי׳ (קיעט) – תרצ״א [טשעלסי, חל׳ נצח ישראל] • שמעון ב״ר מנשה • הב׳ שמשון אליעזר ב״ר אבא (גראנעק) – תשנ״ב

הילדה אדל ב״ר אליעזר הלוי (ראטה) – תרנ״ג [קאלוב, אונגארן] • אסתר ב״ר יעקב • הילדה ברכה ב״ר יהודא (שטיינער) – תרפ״ו [צעלדעמאלק, אונגארן] • הילדה ברכה שינדל גאלדא ב״ר יחיאל עזריאל – תשע״א [שיכון סקווירא] • מרת גיטל ב״ר יואל – תר״מ [חוסט, אוקריינא] • הבתולה העניא דבורה ב״ר צבי (גרין) – ת״ש [סאטמאר, רומעניא] • הבתולה זיסל ב״ר אהרן יהודא (גראס) – תרצ״ג [סאטמאר, רומעניא] • מרת חי׳ ב״ר יצחק זאב (וויינשטאק) – תשס״ד [קרית יואל] • הילדה חי׳ הינדא ב״ר שמואל מרדכי – תשס״ז [שיכון סקווירא] • מרת חנה פערל ב״ר פנחס (פריעדמאן) – תשכ״ג [מט ציון] • מרת ליבא ב״ר פנחס הכהן – תש״ד [לאפיש, רומעניא] • הילדה פראדל ב״ר יצחק (גראס) – תרפ״ח [קאשוי, סלאוואקיי] • מרת פרומא יענטל רחל ב״ר נתן נטע (אפראימאוויץ) – תשנ״ט [סט. סאפי, קאנאדא] • רביא לאה ב״ר שמואל • הבתולה רבקה רחל ב״ר טובי׳ (וואהל) – ת״ש [קאשוי, סלאוואקיי] • מרת רבקה פראדל ב״ר יהושע (לאקס) – תשס״ג [בני ברק, פאנאוויזש] • הילדה רחל ב״ר יוסף - תשל״ו • הבתולה ריזל ב״ר אשר אנשיל (גרינוואלד) – תרצ״ט [אונגוואר, אוקריינא] • הבתולה שפרה ב״ר יצחק איטשע – תרס״ד [קרימאלאוו, פוילן] • הבתולה שרה ב״ר אברהם (עהרענדיענער) – תרצ״ט [זענטא, סערביא] • הבתולה שרה מינדל ב״ר ישראל בער (ווידדער) – תרצ״ט [אונגוואר, אוקריינא]


צו באקומען די לוח הציבור טעגליך אויף אימעיל
Subscribe@monseyluach.com





נישט בלויז
א קיאסק,
און אפיס
עקספיריענס.
∘ געשמאקע ∘ לופטיג ∘ נייע קאמפיוטערס
∘ רואיג ∘ רחבותדיג ∘ גרויסע סקרינס
סוויז זיך נישט אוועקגייין!
KOSHER DESK
55 Union Rd
Second floor
Hours
7:00 am to 2 am
אנטקעגן ביהמ״ד החדש זוועהיל














צו אדווערטייזען אדער מעלדן אייער שמחה רופט: 845.425.4300

# הילולא דצדיקיא



**יארצייט פונעם טאג - י"א ניסן - שנת תקצ"ט**

**הגאון רבי שלמה זלמן ליפשיץ, אבד"ק ווארשא, בעמח"ס 'חמדת שלמה'**

**געבוירן:** שנת תקכ"ה

**זיין טאטע:** רבי יצחק ליפשיץ

**זיינע זין:** רבי יואל. רבי שלמה.

**זיין רבי:** רבי יוסף אבד"ק פוזנא

ער איז געבוירן געווארן אין יאר תקכ"ה, אינעם שטאט פוזנא אין פרייסען, צו זיין פאטער רבי יצחק בן רבי יואל, וועלכע איז געווען א תלמיד חכם וירא שמים, און א רודף צדקה וחסד, זיי האבן געצויגן א שיינעם יחוס צו צדיקים ורבנים מפורסמים. די מוטער פון רבי שלמה זלמן איז געווען מרת הינדא, וועלכע איז געווען א מפורסמת בגודל צדקתה.

פון אלץ קינדוויז אן האט ער אויסגעניצט זיין צייט פאר עבודת השם, ער האט געהארעוועט אויף תורה ועבודה, און איז געווען געבענטשט מיט זעלטענע כשרונות, וועלכן ער האט אויסגעניצט אויף תורה. זיין רבי מובהק איז געווען רבי יוסף, אבד"ק פוזנא, וועמען מ'האט גערופן 'רבי יוסף הצדיק', דער רבי האט אים ארויסגעוויזן חיבה יתירה, און נישט געגעבן קיין הסכמה אויף קיין שום ספר, אן דעם וואס דער תלמיד זאל דאס צום ערשט באשטעטיגן. אזוי ארום איז ער געשטיגן מעלה מעלה, און זיין נאמען איז באקאנט געווארן איבעראל אלץ עילוי וגאון, אז ווען ער איז נאך געווען א יונגע בחור איז ער שוין א חתן געווארן מיט די כלה, א טאכטער פונעם באקאנטן נגיד הנכבד ר' יקיר, מיקירי ק"ק פוזנא, וועלכער האט צוגעזאגט א ריזן סכום נדן, און האט אויך געבויעט פארן פארפאלק א גרויסע הויז, און זיך מתחייב געווען צען יאר מזונות, אז דער איידעם זאל קענען זיצן על התורה ועל העבודה במנוחה.

אינאיינעם האט דאס פארפאלק געהאט זייער זוהן רבי יואל, אבער ליידער איז די ערשטע רעבעצין נפטר געווארן יונגערהייט, נאך אין די ערשט צען יאר פון זייער חתונה. רבינו זצ"ל האט דאן חתונה געהאט בזוו"ש, מיט די שוועסטער פון די ערשטע רעבעצין, הרבנית פייגיל, די טאכטער פון רבי יקיר, וועלכער האט געגעבן א פרישן נדן, און צוגעזאגט נאך צען יאר מזונות, אויסער די ערשטע צען יאר וואס ער האט צוגעזאגט משלים צו זיין, טראצדעם וואס די ערשטע רעבעצין איז נפטר געווארן. ער איז געווען סמוך על שולחן חותנו פאר אן ערך פון 22 יאר, אין וועלכן ער האט אויסגעניצט די צייט צו הארעווען און שטייגן על התורה ועל העבודה. ער איז אין יענע יארן אויך געווען א תופס ישיבה, און ער האט מעמיד געווען תלמידים הגונים. ער איז אויך געווען א ריכטיגער משכיל אל דל, און האט פארטיילט צדקה, ביז ווען ער האט אפילו די אייגענע קליידער אוועקגעגעבן פאר ארימעלייט.

ווען ער האט געענדיגט די יארן פון קעסט, האט ער געדארפט טרעפן פרנסה, אבער ער האט נישט געוואלט עוסק זיין אין מסחר, האט ער געגעבן דאס נדן געלט וואס ער האט באקומען פונעם שווער, פאר סוחרים אז זיי זאלן דאס אינוועסטירן, למעשה האט ער אנגעטראפן אין אינשי דלא מעלי, און דאס רוב געלט איז חרוב געגאנגען. אין יאר תקס"ד האט ער אנגענומען דאס רבנות אין שטאט נאשעלסק אין פוילן. אין יאר תקס"ח איז פריי געווארן דאס כסא הרבנות אין שטאט פוזנא, און מ'האט דאס אים אנגעטראגן, אבער ער האט דאס אפגעזאגט. אין יאר תקע"ט, האט מען אים אויפגענומען צו דינען אלץ רב אין פראגא, וועלכע איז א געגנט אין שטאט ווארשא, אזוי אויך האט מען אים דאן אויפגענומען אלץ ראב"ד אין ווארשא, און מיט עטליכע יאר שפעטער איז ער געווארן רב אין שטאט ווארשא. טראץ זיין אויסטערלישע ענווה, האט ער געפירט דעם שטאט ביד רמה, און מתקן געווען תקנות גדולות. ער האט אויך געפירט א מלחמת חרמה קעגן די תנועת השכלה וואס האט אין זיינער צייט באדראעט דעם ערליכן אידנטום.

אין חודש ניסן שנת תקצ"ט איז ער געווארן זייער אפגעשוואכט, אבער מיט דעם אלעם האט ער זיך געשטארקט. אול"י י"א ניסן האט ער געדאווענט מעריב מיט השתפכות הנפש און נאכן דאווענען האט ער גע'חלש'ט, און ער איז נסתלק געווארן לגנז"מ.

**זכר צדיק לברכה!**

To Advertise Or To Place Your Simcha Call: 845.425.4300

# חבורת ויואל משה

## שע"י מערכת "ויואל משה הבהיר"

# בשורה טובה!

איר האט שוין וואס צו הערן אין די ערב פסח טעג

ווי אויך אין די חול המועד טעג

# 15 הערליכע ערשטהאנטיגע שמועסן

פון משב"ק און גדולי הרבנים מקורבים ביים רבי'ן זי"ע, וואס האבן מיטגעלעבט

## די הייליגע סדרים ביים רבין זי"ע

פאר איבער 60 - 70 יאר צוריק

ווי אויך אלעס ארום די טעג פון פאר פסח ובפרט די עבודה פון:

**בדיקת חמץ**

**שריפת חמץ**

**אפיית מצות**

**שאר עבודת היום בער"פ**

**אמירת הגדה בניגוני התעוררות**

**דברי תורה**

**אכילת מצה ואפיקומן**

**מנהגי כשרות במשך הפסח**

**ועוד...**

רופט די טעלעפאן ליין

# קול ויואל משה

**718-223-5491** דרוקט 0 דערנאך 5

אײנמאל פאר אלעמאל

# געדענקט דאס לערנען

דורכ'ן לערנען ריכטיג דעם ערשטן מאל.

א מהלך אין חזרה אוועקצופאַקן גלייך דעם לימוד אין קאפ, אזוי איינצושפאָרן שעות ארוכות שפעטער

5 שיעורים
אסך הכל פון 4 שעה
וואס מ'קען כסדר איבערהערן

ענדליך!
שיעורים אויף אן אוועקגעשטעלטער
האטליין



אכטונג בחורים און יונגעלייט!
נוצט אויס די בין הזמנים טעג, שרייבט אייך שוין איין מיט'ן איינמאליגן
ספעציעלן פרייז
בלויז $250

שרייבט אייך שוין איין מיטצוהאלטן די האטליין שיעורים

נוצט אויס די סדרי הישיבה \ כולל \ קביעת עיתים - בשלימות • קומט נישט אן צום בחינה אויסגעמוטשעט פון שעות חזרה • בחורים: שפירט נישט ח"ו ווי איר קומט ארויס מיט גארנישט נאך א גאנצער זמן • נוצט אויס אפעקטיוו די צייט וואס איר לערנט סייווי מיט אייער חברותא • לערנט ריכטיג גלייך ביים ערשטן מאל, און פארזיכערט בעזה"י אז דאס לערנען בלייבט איינגעקריצט אין מח

וזוכר הכל
718.930.1111
הערט מער פרטים אויף נאמבער 2

אויב לערנט איר מיט א חברותא איז רעקאמענדירט אז ביידע זאלן הערן

ישיבה ומתיבתא
משכנות לאביר יעקב
טאהש מאנסי

Yeshiva
Mischknois Lavier Yakov
TOSH MONSEY

בס"ד

# מודעה

ברוב שבח והודאה להשי"ת, לאחר כמה שנים של הצלחה וסיעתא דשמיא באופן נעלה, וכבר יצאו הרבה תלמידים מישיבתינו הקדושה והעמידו בתים נאמנים לד' ולתורתו, ע"ד ישראל סבא, לשם ולתפארת, כה יעזור השי"ת להלאה ביתר שאת

**הננו מודיעים**

**שלרגל זמן החדש קיץ תשפ"ו הבעל"ט נתחיל בעז"ה**

**הלכות רבתי דשבתא**

**גמ' פרק כירה, שו"ע או"ח רנ"ג שי"ח, דיני שהיי' הטמנה ובישול,**

שמעתתא אליבא דהילכתא, הנלמדת בבהירת נפלאה ע"י רבינו שליט"א,
החל מגמרא תו' וראשונים עד שו"ע ונו"כ הלכה למעשה

גם דגוש מיוחד ניתן בסיעתא דשמיא על כל תהלוכות הבחורי חמד הי"ו,
הרימותי בחור מעם בכל מהלך החיים, תורה ומעשים טובים תפילה וד"א

ומקבלין אנו **בחורי חמד מישיבה גדולה שיעור ב'** ולמעלה
**יכולין לקבל אפליקאציע במספר הטעל 845 371 2211**
או ע"י אימעיל office@toshmonsey.org
**ונזכה להגדיל תורה ולהאדירה**

נ.ב. מקום לינה מצומצם והחכם עיניו בראשו
הנהלת הישיבה

# האט איר שוין גערופן אייערע עלטערן היינט?

## איבערן גלעזל קאווע



מיין חבר, אזא שטיקל אלצווייסער, האט גע'טענה'ט אז צוויבל איז די אייציגסטע עסן וואס מאכט וויינען... האב איך אים געווארפן א קאוקענאָט אין פנים...

**ס'זענען דא מענטשן וואס וואלטן זיך געוואונטשן צו האבן דיין שלעכטן טאג!**

די שיך האבן א נישט גוטן ריח? לייגט זיין אין פריזער איבערנאכט. דאס הרג'עט די באקטעריע און נעמט אוועק דעם ריח.






845.425.4300 צו אדווערטייזן אדער מעלדן אייער שמחה רופט:

# אינספּיראַציע

focus you'll get there. INSTITUTE™
845.352.6556 | focus@kewnet.com

'פאָקוס' העלפט ביזנעסלייט זיך רוקן צום next level און מאַכן בס"ד מער געלט.

ברוך און בערל אַרבעטן אין די זעלבע קאָמפּאַני שוין אַ זאַפטיגע צען יאָר.

ברוך איז אַריינגעקומען און זיך אַריינגעוואָרפן אין די אַרבעט. ער האָט נישט נאָר געטון וואָס זיין job description איז געווען. אַלץ האָט ער געקוקט וואָס נאָך ער קען טון פאַר זיין boss. וועלכע נאָך קורס ער קען נעמען. וואו נאָך ער קען וואַקסן. וואָס נאָך וועט אים מאַכן האָבן מער value. וואָס נאָך action ער קען טון.

בערל איז אַריין אין די קאָמפּאַני די זעלבע צייט.

ער האָט נישט אַרויסגעקוקט פון זיינע ד' אמות. געטון זיין אַרבעט פּערפעקט, עס געענדיגט הונדערט פּראָצענט. אָבער קיינמאָל עפּעס מער. ער האָט נישט 'געהערט' און 'געזען' גאָרנישט. ער האָט נישט גענוצט דעם פינפטן חלק שולחן-ערוך. ס'איז אַלעס געווען ווי ער טוט אַ טובה פאַר זיין boss אַז ער אַרבעט אין די קאָמפּאַני.

צען יאָר שפּעטער: ברוך'ס check יעדע צוויי וואָכן האָט געהאַלטן ביי בערך 4 אלפים; נאָכן האַלטן אַ key-position אינעם קאָמפּאַני, האָט ער אַרויסשפּאַצירט מיט 200K יעדע יאָר. בערל, דאַקעגן, איז געבליבן כמעט מיט די זעלבע נומער וואָס ער האָט אָנגעהויבן; נאָך צען יאָר אויף די זעלבע פּאָזיציע, האָט ער אַהיימגעברענגט 75 אלפים אַ יאָר.

טון, זיין פאַרנומען מיט action, מאַכט דיינע skills וואַקסן און צוזאַמען מיט דעם די טשעקל...

> „די מער אַ מענטש טוט, די מער קען ער טון."

> "The more we do, the more we can do."





**פדיון הבן מטבעות**

שוין דא צו באקומען די נייע ספעציעל געמאכט פדיון הבן מטבעות ענבי,

פון ריין זילבער, מיט די ריכטיגע וואג, בהשגחת הרבנים,

צו באקומען אין אלע יודאיקה געשעפטן.

אדער רופט: 718-791-8250 (NY)
718-710-1134(Monsey)

Got a Ticket? Call THE TICKET FIGHTER

We Fight Parking • Moving • & Criminal • Violations

Call 718-954-4295 917-957-7545




We also fight E-ZPass tickets





845.425.4300 צו אדווערטייזען אדער מעלדן אייער שמחה רופט:

# לידיעת הציבור




## אתמול שבת קודש ,
## בעשור לחודש ניסן
## חל ה'יארצייט של הגה"צ רבי משה ב"ר
## יצחק אייזיק זצ"ל (פיילשוס)
## (הנקרא ר' משה ניו יארקער)

היה צדיק נסתר, ורבים מעידים שנושעים על ידו כהיום על ציונו.

הנה הציון שלו נמצא "בביה"ח דמאנסי" (ליד ביה"ח של וויזניץ), מאחורי הגדר של הציון של הרה"ק מריבניץ זי"ע.

נא לעשות נייחא לנשמתו.
להדליק נר, ללמוד משניות, אמירת תהלים, ליתן צדקה, טבילה במקווה וכו' לטובת ולעילוי נשמתו.
**וגם מי שאפשר לעשות מנין ולהגיד קדיש על ציונו**
(עש"ק או ביום ראשון)

"ובוודאי יגן וימליץ טוב בעדו."

## געפועלט אלעס גוטס בעז"ה

---

**"The Heating Cooling Doctor"**
The Best in The Business for Repair of Every Type Of Air Condition - Central Ac - Mini Splits Etc.
Thermostats - Water Heater - Tankless Systems
The Heating Cooling Doctor
**Call 24 hours: 646-820-0196**

**"The Commercial Refrigeration Doctor"**
The Best in The Business for Repair of Every Type of Commercial-Refrigerator-Freezer-Walk In-Reach In-Merchandise Display - Ice Machines
The Commercial Refrigertion Doctor
**Call 24 hours: 929-486-1587**

---

**UPDATE #4**

לכל יראי ה' מדקדקים בקלה כבחמורה, וועלכע ווילן איינקויפן אויף פסח
נאר מיט א מסורה'דיגער כשרות אויף אן ערליכער שטייגער, אן קיין בליעת חמץ ח"ו

די פאלגנדע פירמעס האבן אינזין געהאט די היימישע קונים און זייערע פראדוקטן אויף פסח זענען

# כשר לפסח, להלכה, ווי אַמאָל!
# אָן קיין זענטען גאםּ

און מען דארף נישט עקסטער באקוקן זייער אינגרידיענט ליסטע

MEHADRIN · unger's · Bakers Choice · Ostreicher's · Bloom's · HAGADDA · GEFEN · zemer · Balebuste · Landau · Butterflake · Freund's Appetizers, Salads, Etc. · Yom Tov

Bakers Choice • Balebuste • Blooms • Butterflake • Freund's • Gefen • Hagadda • Landau's • Mehadrin Dairy • Ostreicher's • Unger's • Yom Tov • Zemer

צוצולייגן צו די ליסטע רופט: 845-859-0603

# דער בלאַט



גייענדיג צום דרוק:



## באמבע פאַלט אין אַלע חרדישע הייזער!

דער בלאַט געוואַלדיג איבערגעפרישט מיט פילע נייע אָפטיילונגען און באַמבאַסטישע שרייבערס

רעדאַקציע שטעלט קלאָרע תנאים:

## קיין פייער-אָפּשטעל

ווען עס קומט צו תוכן, ציינד, געשמאַק, רייך

שראַפּנעל פון באַזונדערע אָפּטיילונגען פאַר די גאַנצע משפחה ווערט צושפרייט צווישן יונג אין אַלט אין די משפחה

איינס אין דער גלאָוב:

## רייכע מאַגאַזין + נייעס צייטונג + ציבור + ביזנעס + פרויען + קינדער + אוצר

די איינציגסטע מאַגאַזין וואָס פאַרקערפּערט אין זיך אַלעס!

ועל כולנה: מלא תוכן, ציינד, געשמאַק, צענדליגער אָפּטיילונג, פאר יונג און אַלט, בעסטע שרייבערס!

### 'גלאָוב' מיט אַ פרישע נייע צורה לכבוד יום טוב!

היסטאָרישע אויסגאַנג:

100% לייענער שטימען איין "בעסטע" ווען עס קומט צו געבן אַ ראַטע איבער לייען-מאַטעריאַל און מאַגאַזינען

דער בלאַט

סובסקריפּשען פרייזן

| | |
|---|---|
| געוויינליכע פרייז | ~~$399~~ |
| ספּעציעלע פסח פרייז | $349 |

1 99284 41158 6

וועכנטליכער מעגא פעקל פרייז:

סובסקריבשאן $7.99

ניו יארק $8.99 | קעטסקילס $9.50

קאנאדע $12.99 | ארץ ישראל 35₪

ענגלאנד £7 | אנטווערפן €7

רבבות נעמען אויף מיט פרייד "דער בלאַט באַקומט מען ביים טיר" דעליווערט יעדן מיטוואָך



SUMMER HOURS
Sun-Thu 10:00-10:00
Friday 10:00-3:00
718.208.2030
PEDIATRICS AND ADULTS
Medease
CARE AT HOME

# זונטאג ענערגיע

פאסירט האט דאס אין מינעסאטע, און א געגנט וואו קרימינאלע אקטיוויטעטן זענען די נארמע. אומעטום דרייען זיך ארום פארמאסקירטע ערלים און שאפן כאאס פאר די איינוואוינער אין שטאט. ביי א גרויסן שאפינג צענטער אין שטאט האט זיך די סיטואציע שטארק פארערגערט און כוליגאנע'ס האבן אפגעטון מה שלבם הרעה חפץ. טאג-טעגליך פלעגן זיי זיך אנרוקן אין זייערע אויטאס, פענימער פארדעקט מיט קאוויד-מאסקעס, און אייזערנע העק אין די ארעמעס. זיי פלעגן אויפברעכן די צוימען, זיך אריינזען אינעווייניג, און אפיאגן מיט א גרויס פארמעגן.

נאך א שטיק צייט האט זיך די פארוואלטונג צוזאמגענומען אויף א זיצונג, "מען קען נישט אזוי ווייטער אנגיין!" האט דער אייגנטומער געליארעמט, "די באנדיטן קומען און ליידיגן מיר אפ דאס גאנץ געשעפט". נאכן דורכטון פארשידענע אפציעס האט מען באשלאסן צו דינגען א פירמע וואס שטעלט צו פריוואטע זיכערהייט וועכטער וואס זאלן שטיין אויף די וואך, און והיה, אויב ס'וועלן זיך אנרוקן די וואנדאליזירער, וועט מען זיי אזאנס אנלערנען א לקח אז מער וועלן זיי אפילו נישט קוקן אין יענע ריכטונג.

געזאגט און געטון. נאכן עטוואס נאכפארשן די זאך האט מען באשטעלט א ספעציפישע פירמע וועלכע פארמאגט פעסט געבויטע פויערן אונטער זיך, זיי וועלן זיכער טון א גוטע ארבעט. בלויז פון קוקן אויף די חברה האבן זיך די ביינער פונעם שדרה אפגעטיילט איינס פונעם צווייטן. זעקס פיסיגער מאנסטארס.

איין פארנאכטס, מייקל, א מיטגליד אין די זיכערהייט גרופע, זיצט אויף זיין ארט ביים ארייננאנג ווען איינער קומט צו צו אים אינגאנצן פארסאפעט, "איך האב זיי געזען!" האט יענער אויסגעשריגן מיט שרעק. "געזען וועם?" האט מייקל געפרעגט מיט א מידע שטימע. "די חברה" האט יענער שנעל געענטפערט, "זיי האבן זיך ארייינגעבראכן פון די אנדערע זייט". מייקל האט אויפגעהויבן זיין קאפ און יענעם אנגעקוקט מיט א פשטות, "וואס האט דאס מיט מיר?! מיין ארבעט איז בלויז דעם ווינקל"...

***

אזוי פירט זיך אויף איינער וואס טוט עפעס געצוואונגענערהייט, אדער כאטש פאר זיינע אייגענע אינטערעסן,פאר זיין געלט, אדער פריוואטע הנאה. ער טוט נאר דאס מינימום וואס ער מוז. אבער פון די אנדערע זייט זענען מיר, אחינו בני ישראל.

שוין לאנגע מאנאטן זענען מיר פארנומען אפצורייניגן די שטויב-חמץ פון שטוב, מיר גיסן הייסע וואסער אויף פארמייקע ווי אויף שטיין צוגלייך, מיר דעקן איבער אונזערע קאונטערס מיט עטליכע שיכטן. מיר טוען דאס נישט ווייל מיר זענען געצוואונגען, נאר ווייל עס איז אונזער גרעסטער פארגעניגן צו טון דעם רצון ה'. – "אהבת אותנו ורצית בנו".

פרעגט יענער: "מיינסט אז איך גיי באקומען מלקות אויף יענע וועלט פארן זיך מישן אום פסח?" וואס פאר א נארישע פראגע, קיינער האט דיר נישט געצוואונגען זיך צו פירן מיט חומרות, אבער, צי ווילסטו דען נישט טון אלעס וואס מעגליך פאר אונזער גרויסן באשעפער?!

שרגא ליפשיץ

**שיקט אריין אייערע קאמענטארן און הערות צו sundayenergyLH@gmail.com**


**Bad Credit? We Remove Late Payments From All 3 Bureaus**

**Call/Text: 845-325-2324**

REFURBISH
שטריימל ריפעיר

קלינען $49 פרעסן $99
אין סטאר דיסקאנט

(929) 760 3784

BP. 1566 41
W. 127 Lee

FREE
פיקאפ און דעליווערי אין אלע היימישע געגנטער

4
טעג צו יו"ט

**מיר פייטן אלע אייערע טרעפיק טיקעטס.**

ביליגע פרייזן

רופט אדער טעקסט
**347.565.4216**

ביזי דורכ'ן טאג?

# ← מיר זענען אפן דעם מאנטאג ביז 10 ביינאכט!

KP Krausz HATTERS

845.356.4903 » 58 Rt 59, RIGHT SIDE

HRS: 12-7 SUN: 12-6:30 WED: 12-10 EREV SHABBOS: 11-1:00



צו אדווערטייזן אדער מעלדן אייער שמחה רופט: 845.425.4300

Cūplo
YOUR MARK IN HAND
CALL OR TEXT
845.572.7599
EMAIL US AT
INFO@CUPLO.CO

קאַסטום קאַפּס. דיין לאָגאָ.




STARTING FROM
$99
LOW MINIMUMS
FROM 50 CUPS+
FAST DELIVERY
2-3 DAYS



לכבוד חול המועד האבן מיר אריינבאקומען א
פרישע שיפמענט פון לטהר און אויטא וועיז
PROTEK
PURE CONNECTIVITY
20 phyllis terr 845-999-8255



**צו די יארצייט פון הגה"צ ר' אלחנן יוסף ב"ר שמואל וצפורה הערצמאן זצ"ל יום יא' ניסן.**
נעמט א חלק אין פארשפרייטן זיינע הייליגע ספרים. ווי אויך בויען מיר יעצט א מקוה טהרה לעילוי נשמתו. ער וועט אייך אוודאי מכיר טובה זיין אזוי ווי ער האט מבטיח געווען "וכל מי שילמוד לזכר נשמתי או יתן צדקה או להדליק נר או בטבילת מקוה שיזכיר שמי אלחנן יוסף בן שמואל וצפורה, וועל זיך לייגן אין דער לענג און דער ברייט צו טון אים א טובה וכן בהדפסת ספרי."
רופט: 347-768-2669 אויב קיין ענטפער לאזט מודעה.
מיר וועלן ארויפלייגן אייער נאמען אויפן ציון אין בני ברק.

# חלקי בארץ החיים
# במעלת קדושים וטהורים

קויפט זיך איין א חלקה אינעם ביה"ח וואס איז אויסגעוועלט געווארן דורך צענדליגער רבנים, גדולי ישראל, און קהלות הקודש.

הר שלום איז דער גרעסטער היימישע חסיד'ישע בית החיים אין ניו יארק וואו עס זענען שוין פארקויפט געווארן טויזענטער חלקות פאר יראים ושלמים חסידים ואנשי מעשה.

- חלקות קהלות
- חלקת הרבנים
- חלקת כלל חסידי
- חלקות פאר משפחות און יחידים
- קיין מעמבערשיפ פארלאנגט
- גאר צוגעגליכע פרייזן

פאר מער אינפארמאציע
אדער צו קויפן חלקות רופט:
845.400.2227



פראקטפולער
און עלעגאנטער
הוט
האלט זיך אין אלע אומשטענדן



אויסזען
קלאסיש
אויפפירונג
הערליש

Special Introductory Price!
Made in USA

יעצט צו באקומען
אין הארץ פון מאנסי

71 Meron Rd.
(Cor. Kearsing Pkwy)
Open 1:00 to 7:00
845.327.9093

Cappelli HATS






היימישע פרישע מאסט לכבוד פסח 845-898-1467

יעדע תפילה מאכט א רושם אין הימל!
זייט מתפלל אז נחמי' צבי בן דינה
זאל באפרייט ווערן פון תפיסה בקרוב

באפט אריין!
די גרעסטע
טלית
סעיל

א דיעל
און קיין שפיל

פארלענגערט
ביז זונטאג
פרשת שמיני

KETER כתר
מצוה בהידור
QUALITY JUDAICA

וואכן טלית
$99
שבת טלית
$129

FINAL PRICE !אלעס אריינגערעכנט




צו אדווערטייזען אדער מעלדן אייער שמחה רופט: 845.425.4300

# לידיעת הציבור

## ספאנסער

שפארט אסאך געלט אויף אייער קאר אינשורענס,
מיט אונזער דיפענסיוו-קלאס.
רופט אדער טעקסט יעצט גאו-דרייוו
845.600.4444
GoDriveMonsey@gmail.com
פארוואס לערנט יעדער דרייוון ביי גאו-דרייוו?
ווייל יעדער וויל דרייוון פראפעשינאל און שפארן געלט.

## ושאבתם מים בששון

דעם דאנערשטאג פארנאכטס איז כ"ק אדמו"ר מאמשינוב שליט"א אנגעקומען צו די אראבישע דערפל אל-וואדזשא נעבן ביתר און מקיים געווען די מנהג פון שאיבת מים שלנו לצורך מצות מצוה.

ווי יאר יערליך טוט דער אמשינובער רבי שליט"א שעפן מים שלנו פון א קוואל אין די אראבישע אל וואדזשא געגענט, אויפן זעלבן ארט ווי זקינו הרה"ק רבי מאיר מאמשינוב זי"ע פלעגט שעפן מים שלנו, זייענדיג א קוואל וואס פארמאגט פארשידענע הידורים, צווישן זיי, אז ס'איז נישט מחובר צו אנדערע טייכן און קוועלער.

היי-יאר צוליב די מלחמה אומשטענדן, האבן די מדינת ישראל אינסטאנצן אפגעשפארט דעם גאנצן געגענט, און בלויז דער רבי און די מקורבים האבן ערהאלטן ספעציעלע ערלויבעניש דארט אפצורעכטן מים שלנו. דעריבער איז פריער אין טאג ארויסגעשיקט געווארן א מודעה דורך דעם רבינ'ס זון הרה"צ ר' מאיר מילקובסקי שליט"א, אז קיינער פון די חסידים זאל נישט מיטקומען צום מים שלנו שעפן, צוליב די אומשטענדן.

דער רבי האט זיך ארויסגעלאזט נאכן שקיעה ממעון קדשו אין בית וגן, תיכף נאך קריאת התורה, און אנקומענדיג צום דערפל איז דער רבי אריבער צום עפענונג פון די מערה ווי די מעיין געפונט זיך און האט געשעפט די וואסער בדחילו ורחמו, צום ערשט האט דער רבי א לענגערע צייט געוואשן די פעסער מיט די וואסער פון די קוואל כנהוג. דער רבי איז געשטאנען מיט א יראה עילאה במשך די גאנצע צייט און זיכער געמאכט אז אלעס ווערט אויסגעפירט בדקדוק רב.

אין אנדערע נייעס האט דער רבי שליט"א אין די פארגאנגענע טעג גערייניגט די ספרים בביתו נאווה קודש ווי זיין שטייגער יעדעס יאר. דעם רבינס מנהג צו רייניגן די ספרים איז אן עבודה רבה וואס פארציהט זיך שעות ארוכות, זייענדיג א געלעגנהייט פאר די קינדער און אייניקלעך פונעם רבי'ן אויסצונוצן די שעות דורכצושמועסן פארשידענע אינטערעסאנטע ענינים בהלכה ובאגדה.

## עץ חיים למחזיקים בה

זעלטענע מעמדי קידוש שם שמים פון הרמת קרן התורה על טהרת הקודש האט זיך אפגעשפילט פארלאפענעם וואך ווען כ"ק האדמור"ם מסאטמאר שליט"א האבן איבערגעגעבן פאנטאסטישע סכומים פאר דער קומענדיגער פסח חלוקה פון מפעל הכביר קרן הצלה.

צום ערשט דעם דינסטאג בשעת די וועכנטליכע זמני כניסה פון כ"ק אדמו"ר מסאטמאר שליט"א אין שטאט וויליאמסבורג, זענען אריין אל הקודש פנימה די חברי הנהלת מוסד קרן הצלה כדי איבערצוגיין די ווייטערדיגע פעולות נשגבות און אפנעמען די ברכת הקודש פאר די בעפארשטייענדע ריזיגע חלוקה, ווען עס וועט בס"ד פארטיילט ווערן לקראת יום טוב פסח די אומבאגרייפליכע סומע פון פינף מיליאן דאלער פאר די הונדערטער מוסדות הקדושים אין ארץ ישראל על טהרת הקודש.

